# שיחות קודש

## של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

יוצא לאור על ידי מכון מעדני מלך וויען

**פרשת מצורע שנת תשפ"ד לפ"ק**

### בכינוס איגוד בחורי וויען משולב במעמד התחלת כתיבת ספר שמות בהספר תורה שנכתב לזכותו של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

יום ג' פרשת מצורע תשפ"ד לפ"ק

**איך** וויל באגריסן די חשובע בחורים, וואס זענען א חלק פון די חבורות פון תורה, ווי מען האט פריער געהערט, די מערערע סארט חבורות וואס איז דא. אשריכם מה טוב חלקיכם, גליקליך דארף מען זיין, אז מען איז א חלק פון א חבורה של תורה, כי הם חיינו ואורך ימינו. דער אייבערשטער זאל געבן אי"ה, מען זאל קענען זיין שטענדיג צוגעבינדען צו די תורה הק', און אויסוואקסן ווי עס דארף צו זיין, ווי מען האט שוין פריער געהערט.

**מען** שטייט אין חודש ניסן, פארן יום טוב פון פסח, ווען יודען זענען ארויס פון מצרים. וואס פסח איז פון די העכסטע ימים טובים וואס איז דא ביי יודען, א יום טוב פון אמונה, וואס מען האט געזעהן די אלע ניסים ונפלאות ווען דער אייבערשטער האט געטון. און ווי עס שטייט שוין אין הייליגע ספרים, איז דאס נישט א זאך וואס איז געווען אמאל, יעדעס יאר, איז דא דער ענין פון יציאת מצרים ביי יעדן יוד. פסח קומט אראפ א געוואלדיגער אור, וואס יעדער יוד קען זיך דערהייבן נאנטער צום אייבערשטען.

**מען** ווייסט אז ביי יעדע דבר טוב וואס א מענטש וויל האבן, מוז ער קודם מאכן א כלי דערצו. אז מען האט נישט די כלי וואו אריינצולייגן די זאך, האלט זיך עס נישט. מען געפונט דעם לשון (עוקצין ג-יב) לא מצא הקב"ה 'כלי' מחזיק ברכה לישראל אלא השלום, עס מוז זיין א כלי וואס זאל מחזיק זיין די ברכה. וואס איז די כלי וואס א מענטש מאכט, ער זאל קענען מקבל זיין די שפע פונעם יום טוב, ער זאל קענען נתעלה ווערן, ווען עס קומען די גרויסע טעג. דאס איז די הכנה צום יום טוב, וואס א יוד גרייט זיך צו פאר יום טוב, צו דעם יום טוב. וויפיל ער גרייט זיך צו, ווי מער זיין הכנה איז, ווי העכער זיין הכנה איז, איז ער אלץ מער זוכה ער זאל קענען מקבל זיין די אורות, די ליכטיגקייט, וואס קומט אראפ אין יום טוב.

**די** הכנה צו א יום טוב איז במחשבה, דיבור, ומעשה. במעשה, וואס א יוד מאכט הכנות צו דעם יום טוב במעשה, עס דארף זיין ביעור חמץ, מען דארף ריינִיגן די שטוב, זיך פארען ביי מצות, און אזוי ווייטער. יעדע הילף וואס מען גיט אין שטוב אויף ביעור חמץ, און אריינצוברענגען דעם יום טוב, טוט מזכך זיין דעם מענטש, און עס טוט אים צוגרייטן, ער זאל קענען מקבל זיין די אורות פונעם יום טוב.

**איך** האב געזעהן אמאל שטיין פון די זכרונות פונעם פריער'דיגן **ליובאוויטש'ער רבי זצ"ל**, **רבי יוסף יצחק**, ער איז געווען א זון פונעם **מהרש"ב**, ער איז געווען דער ערשטער וואס האט געעפנט א חסידישע ישיבה, אין זייער געגענט. און דער רבי יוסף יצחק

איז נאך געווען א יונגערמאן, און ער האט זיך אומגעקוקט אויף די צרכים פון די בחורים.

**איינמאל** איז געווען א בחור אין ישיבה וואס מען האט נישט געקענט מיט אים ווייטער אויסהאלטן, ער האט זיך נישט געוואלט צושטעלן צו גארנישט. און דער רבי יוסף יצחק איז אריין צום פאטער, אז מען קען נישט האלטן דעם בחור אין ישיבה לענגער. ער פאסט זיך נישט צו, צו די ישיבה. האט דער פאטער געזאגט, מען שטייט דאך יעצט פאר פסח, דו זאלסט נעמען דעם בחור, און אלע שווערע ארבעט וואס עס איז דא צו טון צום יום טוב, זאלסטו ארויפלייגן אויף אים צו טון. צופרי, ביינאכט, רוימען, שלעפן, טראגן טישן, צוגרייטן דעם טיש און די הסיב בעט צום סדר, און נאכן סדר אוועקצופאקן אלעס. דו זאלסט נישט קוקן אויף די שוועריקייט, אלע ארבעט וואס איז דא פאר פסח, זאלסטו ארויפלייגן אויף דעם בחור ער זאל עס טון. וכן הוה, ער האט אזוי געטון, און דער בחור האט זיך צוגעשטעלט צו אלעם וואס מען האט געבעטן.

**נאך** פסח האט דער מהרש"ב אריינגערופן דעם זון, און ער זאגט אים, דער בחור זעהט נאך אויס די זעלבע ווי ער האט אויסגעקוקט פאר פסח? זאגט ער, ניין, ער איז געווארן אויסגע'איידלט'ער פון וואס ער איז געווען. האט אים דער מהרש"ב געזאגט, א מענטש ווערט געבוירן אסאך מאל מיט א שווערן חומר, א מגושם'דיגער חומר, עס ציהט אים נישט צו תורה, און יראת שמים, עס ציהט אים צו עניני גשמיים. ווי מער מען צוברעכט דעם חומר פאר א דבר מצוה, באקומט מען מער א נאנטקייט צום אייבערשטען. עס איז געווען פאר יום טוב, עס איז נישט דא נאך א זמן וואס א מענטש קען צוברעכן אזוי זיין גוף, ווי די הכנות צום פסח. זאגט ער, איך האב פארשטאנען, אז טאמער ער וועט אוועקגעגעבן אלע זיינע כוחות די טעג פארן יום טוב, וועט עס מאכן א רושם אויף אים. - נישט גרינג האלטן די הכנה וואס א מענטש מאכט פאר יום טוב. וואס מען בעהט אין שטוב, ברענג, טראג, גיי, קום, וכדומה, יעדע זאך וואס מען טוט, איז א הכנה צו דעם יום טוב, מען זאל קענען זוכה זיין צו די קדושה פון דעם יום טוב. - דאס איז די הכנה פון 'מעשה' וואס מען גרייט זיך צו.

**נאכדעם** איז דא דיבור ומחשבה, וואס א מענטש לערנט די הלכות פונעם יום טוב. עס קומט פאר יום טוב, ער לערנט אדורך דעם קיצור שלחן ערוך, ער זאל וויסן וואס מען דארף צו טון. ער לערנט אדורך משנה ברורה, און כל שכן ווען ער האט צייט צו לערנען שלחן ערוך. ער נעמט א חסיד'יש ספר, און ער קוקט אדורך די ענינים פונעם יום טוב פסח. די אלע זאכן וואס א מענטש גרייט זיך צו, דאס טוט דערהייבן דעם מענטש, ער זאל קענען נאכדעם מקיים זיין די מצות פון דעם יום טוב ווי עס דארף צו זיין.

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, אין המצוה נקראת אלא על מי שגומרה (סוטה יג:). געווענליך איז דער טייטש, דער וואס ענדיגט די מצוה, אויף אים ווערט אנגערופן די נאמען פון די מצוה. גמרה איז אויך א לשון פון לערנען. 'גמירי' זאגט די גמרא, 'גמרא' איז אויך א לשון פון לערנען. אין המצוה נקראת, א מצוה קען נישט ווערן אנגערופן, אלא על מי שגמרה, נאר ווער עס האט קודם געלערנט די מצוה, ער האט קודם געלערנט די ענינים פון די מצוה, דער קען זוכה זיין שפעטער מקיים צו זיין די מצוה ווי עס דארף צו זיין. - און דאס איז די הכנה וואס א מענטש דארף מאכן פארן יום טוב במחשבה בדיבור ובמעשה. מען לערנט חסיד'ישע ספרים, מען לערנט מוסר ספרים, דורך דעם ווערט מען נתעלה, אז מען זאל קענען שפעטער מקבל זיין דעם אור וואס קומט אראפ אין יום טוב.

*

**עס** איז דא א גמרא אין מסכת ברכות (מג:). וואס רעדט פון די חשיבות פון א בחור וואס זינדיגט נישט. די גמרא זאגט, עתידין בחורי ישראל שלא טעמו טעם חטא, בחורי ישראל וואס האבן נישט טועם געווען קיין טעם פון אן עבירה, וועט זיין זייער שכר, שיתנו ריח טוב כלבנון, אז זיי וועלן שפעטער ארויסגעבן אזא גוטן ריח, אזוי ווי די עצי לבנון. לבנון איז א וואלד וואס האט געהייסן לבנון, און דארט איז געווען ביימער וואס האבן ארויסגעגעבן זייער אן איינגענעמער גערויך. אז מען וויל געבן א משל וואס מען וועט זוכה זיין שפעטער, זאגט ער, אז די וואס האבן נישט טועם געווען א טעם חטא, וועלן האבן א ריח אזוי ווי לבנון. שנאמר, אזוי שטייט אין פסוק (הושע יד-ז), 'ילכו יונקותיו', יונקותיו גייט ארויף אויף בחורי ישראל ווען מען איז נאך יונג, די וואס גייען

אין ריכטיגן וועג, 'ויהי כזית הודו', וועט זיין, זיין פראכט, זיין שיין, וועט זיין אזוי ווי א זית, 'וריח לו כלבנון', און ער וועט האבן א ריח אזוי ווי לבנון.

**די** גמרא אין מסכת פסחים (פז.) רעדט אויף פון די חשיבות פון בחורי ישראל שלא טעמו טעם חטא, אז מען פירט זיך אויף ערליך אין די יונגע יארן, מען איז נישט טועם קיין טעם חטא, און אויף דעם ברענגט די גמרא צו דעם פסוק (תהלים קמד-יב) אשר בנינו כנטיעים מגודלים בנעוריהם, אונזערע קינדער וואס זענען אזוי ווי נטיעים, און זיי ווערן ערצויגן פון דער יוגענט אויף דרכי תורה, מעלה עליהן הכתוב כאילו נבנה היכל בימיהן, זיי זענען אזוי חשוב ביים אייבערשטען, כאילו ער האט אויפגעבויט דעם בית המקדש.

**ווען** איך האב געזעהן די גמרא, וואס ברענגט צו דעם פסוק ויהי כזית הודו, אז זיין פראכט וועט זיין אזוי ווי דער זית, האב איך מיך דערמאנט, אז ווען איך בין געווען א בחור אין ישיבה, האב איך געלערנט אין נייטרא, איז געווען דארט א בחור, ער איז שוין היינט אן אלטער יוד, א תלמיד חכם, א רב, און ער האט געמאכט א חבורה פון בחורים יעדן טאג ביי מיטאג, מען זאל לערנען סידור, קענען די טייטש פונעם דאווענען. צען מינוט פארן אנהייב פונעם סדר, האט ער געהאט א חבורה פון בחורים, מען האט זיך צוזאמגעזעצט, און מען האט אנגעהויבן דעם סידור פון אנהייב, מען זאל קענען די טייטש. איינמאל פרעגט ער מיר, פארוואס איך זעץ זיך נישט צו, צו דעם שיעור אין סידור. זאג איך אים, ווייל איך קען די טייטש, איך האב נישט וואס צו לערנען. זאגט ער, דו קענסט טייטש? איך וויל דיך פרעגן א טייטש אין דאווענען, מען זאגט (תהלים קמח-יג) הודו על ארץ ושמים, וואס איז טייטש הודו? זאג איך אים, הודו איז דער טייטש, די לויב פונעם אייבערשטען איז על ארץ ושמים, אזוי ווי הודו לה' קראו בשמו. זאגט ער, ניין, דו קענסט נישט קיין טייטש. הודו מיינט נישט די לויב, הודו מיינט די פראכט און די שיין פונעם אייבערשטען, איז על ארץ ושמים. נו האב איך געזעהן אז איך קען נישט, האב איך זיך צוגעזעצט צו דעם שיעור, און אזוי קען איך היינט פירוש המילות פונעם דאווענען.

**איך** וויל ארויסברענגען די חשיבות פון קענען דאווענען. מען דאווענט יעדן טאג, דריי מאל א טאג, און שבת דאווענט מען מיט נאך א תפלה מער, און אסאך מאל ווייסט מען נישט וואס מען זאגט. **ווי אזוי קען ער האבן א ליבשאפט צום דאווענען, ווי אזוי קען ער זיך ארויסגעבן ביים דאווענען, ווען ער ווייסט נישט געהעריג די פירוש המילות וואס מען זאגט.** עס איז זייער חשוב ווען א בחור האט צייט, נעמען א קאפיטל, איינס, צוויי, דריי, און אדורכגיין די דאווענען פון אינדערוואכן, און די פסוקי דזמרה וואס מען דאווענט שבת. מען ווייסט אסאך מאל נישט וואס מען רעדט. מען זאגט אזויפיל תהלים אין משך פונעם לעבן, אז מען האט נישט אדורכגעלערנט קיין פירוש המילות פון תהלים, ווייסט ער נישט וואס ער זאגט, ווי אזוי קען ער שפירן א טעם אינעם דאווענען, ווען ער ווייסט נישט וואס ער רעדט. עס איז זייער חשוב דער עצם ענין אליין, קענען פירוש המילות פונעם דאווענען.

*

**איך** האב געזעהן אין **דרשות חתם סופר** (בדרוש לשבת הגדול שנת תקצ"ג) ער שטעלט זיך אויף די גמרא, אז בחורי ישראל וואס האבן נישט טועם געווען טעם חטא, וועלן זיי זוכה זיין אז זיי וועלן האבן א ריח אזוי ווי לבנון. מען הייבט אן מיט טעם, און מען גייט צו ריח. בחורים וואס האבן נישט טועם געווען א טעם פון חטא, וועלן זוכה זיין אז זיי וועלן געבן א ריח כלבנון. א יעדע זאך קומט מדה כנגד מדה, אז מען הייבט אן מיט טעם, דארף מען זאגן אז זיי וועלן זוכה זיין צו האבן א גוטן טעם אין א מאכל. און אז מען ענדיגט אז דער שכר איז ריח לו כלבנון, וואלט ער געדארפט זאגן, יעדער וואס האט נישט געשמעקט א טעם פון א חטא. ער הייבט אן אז מען האט נישט טועם געווען א 'טעם' פון א חטא, און דער שכר וועט זיין 'ריח' לו כלבנון, אז ער וועט געבן א ריח אזוי ווי לבנון.

**עס** קען זיין אז דער פשט דערפון איז. ווען א מענטש האט נישט קיין נסיונות אינעם לעבן, עס קומט אים אלעס אן גרינג, ער געפונט זיך אויף א פלאץ וואו עס איז נישט דא קיין נסיונות, און ער פירט זיך אויף ערליך, קומט אים נישט אזא גרויסן קרעדי"ט פאר די ערליכקייט וואס ער האט. ער האט נישט געהאט קיין נסיונות, ער האט נישט געהאט די שוועריקייטן, איז ער אויסגעשטיגן וואס ער איז

געווארן. ווען א מענטש לעבט מיט נסיונות, אין שווערע און ביטערע נסיונות, דער יצר הרע ברענט ביי אים, און ער דארף זיך צוריקהאלטן, ער זאל נישט טון וואס מען דארף נישט צו טון, און טון וואס מען דארף צו טון, דעמאלטס האט א געוואלדיגע חשיבות די עבודת ה' וואס ער האט.

**מיט** יארן צוריק, ווען איך בין געווען א בחור, איז די נסיונות וואס אונזער דור האט געדארפט אדורכגיין, נישט געווען אפילו א צענטל פון וואס דער היינטיגער דור גייט אדורך! אויסער לערנען איז כמעט נישט געווען וואס צו טון, נאר שפילן א געי"ם... די איינציגע זאך וואס איז געווען דעמאלטס, איז געווען טעלעוויזשא"ן, און דער טעלעוויזשא"ן דעמאלטס איז געווען גארנישט אקעגן די פראבלעמען וואס מען האט היינט! און ווער האט געהאט א טעלעוויזשא"ן, קיינער האט עס נישט געהאט, עס איז כמעט נישט געווען. איז מען אויסגעוואקסן ערליך, וואוילע יונגעלייט, תלמידי חכמים איינס נאך דאס אנדערע.

**היינט** זענען די נסיונות אזוי גרויס, די טעכנאלאגיע וואס האט געמאכט א מהפיכה אין די וועלט, וואס א מענטש קען צוקומען צו אלעם וואס די הארץ גליסט אים! ער קען אנקומען צו אלע עקן פון די וועלט! וויפיל נסיונות גייט אדורך אויף א בחור, ער זאל זיך קענען האלטן ערליך. און ווי חשוב איז ביים אייבערשטען יעדעס מאל וואס א מענטש האט א נסיון, און ער גייט נישט דארט. איך וויל נישט זעהן וואס מען דארף נישט, איך וויל נישט הערן, איך וויל נישט וויסן דערפון, איך וויל זיצן אין בית המדרש און לערנען, דאס איז א געוואלדיגער חשיבות ביים אייבערשטען.

**ווען** א מענטש האט נישט א ריח פון א עבירה, עס שמעקט אים נישט די עבירה, ער שפירט נישט דעם ריח דערפון, און ער פירט זיך ערליך, איז נישט קיין גרויסער חידוש. ווען א מענטש האט א ריח פון אן א עבירה, און ער איז נישט טועם דעם טעם פון די עבירה, אויף דעם איז דא א געוואלדיגער שכר! ווען א מענטש קומט אריין אין א שטוב, און ער איז הונגעריג, אבער מען קאכט נישט קיין עסן דארטן, עס איז נישט דא דארט קיין טריפות, ער שפירט נישט דעם ריח פון עסן, קען ער עס גרינג אדורכגיין, הונגערט מען אביסל. אבער ווען ער קומט אריין אין א שטוב, און מען קאכט דארט אזעלכע גוטע מאכלים פון טריפות, און ער שפירט אז ער גייט אויס צו עסן עפעס, און ער האלט זיך צוריק, און ער עסט עס נישט, ווי חשוב איז דאס, וואס ער איז נישט טועם קיין טעם פון אן עבירה.

**בחורי** ישראל וואס האבן נישט קיין ריח פון אן עבירה, די לופט שמעקט נישט פון א עבירה, און ער פירט זיך אויף ערליך, מען איז נישט טועם קיין טעם חטא, איז נישט אזא גרויסע קונץ. אבער די בחורי ישראל וואס עס איז דא א ריח פון א עבירה, וואו מען גייט אויף דער גאס איז דא א ריח פון א עבירה, און פון דעסטוועגן דאך, כאטש עס גליסט, און עס שמעקט דער ריח פון די עבירה, איז ער נישט טועם טעם חטא, ווי חשוב איז דאס ביים אייבערשטען, אז דער אייבערשטער זאגט, דו ביסט דאך געווען אויף א פלאץ וואס דו האסט געהאט א ריח פון א עבירה, און דו האסט נישט טועם געווען קיין טעם פון אן עבירה, וועט זיין ריח לו כלבנון. די שכר איז נישט אויף דעם טעם וואס דו האסט נישט טועם געווען, דיין שכר איז אויף דעם ריח וואס דו האסט מוותר געווען, און דו האסט נישט טועם געווען קיין חטא.

**און** דאס איז דער נסיון פון אונז היינט. די גאס איז אזוי טריפה, וואו מען גייט וואו מען שטייט, איז דא נסיונות. מען דרייט זיך היינט ארום מיט די אלע טעלעפאונען, סמארטפאונ"ס וכדומה, מען מוז נישט גיין ביז אין די גאס, אפילו ביי היימישע יודען קען מען אויך צוקומען דערצו. - ווען א בחור האלט זיך ערליך, 'לגדור ולשמור', איך וויל נישט האבן קיין שייכות, איך וויל נישט האבן קיין קשר דערמיט, איך בין ערליך, און איך וויל בלייבן א ערליכער בחור, איך וויל זיין פון די בחורי ישראל שלא טעמו טעם חטא, איך וויל זיין פון די וואס איז נבנה היכל בימיו, איך וויל זיין פון די וואס איז ריח לו כלבנון, ווי חשוב דאס איז.

*

**און** ער זאגט ויהי כזית הודו, זיין פראכט וועט זיין אזוי ווי א זית. פארוואס פונקט ווי א זית? ווייל דער בוים פונעם זית, איז דער ביטערסטע בוים וואס איז דא פון אלעביימער. אזוי זאגט די גמרא (עירובין יח:),

ביי נח געפונט מען, אז דו יונה איז געקומען, והנה עלה זית טרף בפיה (בראשית ח-יא), עס איז נישט דא נאך א אילן וואס דער טעם פונעם בוים אליין איז אזוי מר, אזוי ווי א זית. אבער וואס גיט ארויס דער זית? דער זית גיט ארויס שמן זית. אויף שמן שטייט (שיר השירים א-ג) לריח שמניך טובים, דארט איז דא א גוטער אויל. אין אלע מאכלים, אז ער וויל אריינגעבן דערין א טעם, לייגט מען אריין אויל.

**דער** אויל איז זייער בא'טעמ'ט, אבער ער קומט פון א פלאץ וואס איז ביטער, ביטער, ביטער. פון דעם ביטער'סטן בוים, קומט ער ארויס, און ער האט זיך נישט אפגעלערנט, ער איז נישט נאכגעגאנגען אין זיין שורש אינעם בוים ער זאל אויך זיין ביטער, ער איז זיס. ווען א מענטש האט א ריח פון אן עבירה, און ער גייט נישט נאך, נאך דעם ריח פון די עבירה, ער איז נישט טועם דעם טעם, ויהי כזית הודו, ווערט זיין הוד זיין אזוי ווי דער זית. דער זית איז אויך א ביטערער בוים, אבער די פירות אינעווייניג זענען זיס.

**מען** רעדט צו בחורים וואס זענען באמת ערליך, וואס ווילן נישט טועם זיין קיין טעם חטא, עס איז נאר די שוועריקייטן וואס מען האט. ווען א מענטש היט זיך אפ וויפיל ער קען, איז עס זייער חשוב ביים אייבערשטען. מען האט שוין כמה פעמים גערעדט, עס איז דאך בין הזמנים, ווי וויניגער מען דרייט זיך אויף דער גאס. מען דארף זיך גארנישט דרייען, וואס האט ער צו טון אויף דער גאס. זיין פלאץ דארף זיין נאר, אדער אינדערהיים, אדער אין בית המדרש, דארט זאל ער לערנען, דארט זאל ער קומען מיט די חברים צוזאמען, דעמאלטס איז מען אפגעהיטן אז מען קען אדורכגיין די נסיונות וואס מען האט היינט אינעם לעבן.

*

**איך** וואלט מציע געווען א הנהגה טובה וואס קען צוהעלפן צו תורה און עבודת ה'. ווען מען שטייט אויף צופרי, און מען דאנקט דעם אייבערשטען אויף די נשמה וואס ער האט צוריקגעגעבן, וואס דאס איז די התחלה מיט וואס מען הייבט אן דעם טאג. מען זאגט ברכת התורה, מען דאנקט דעם אייבערשטען אויף די תורה וואס דער באשעפער האט אונז געגעבן. **זאגן ברכת התורה אין א סידור, נישט ווען מען דרייט זיך ארום. און נאכדעם וואס ער האט געענדיגט ברכת התורה, זאל ער נעמען איין מינוט און טראכטן פאר זיך אליין, מיט וואס גיי איך אויפשטעלן היינט מיין טאג... וואס גיי איך טון היינט פון צופרי ביז ביינאכט. וואו וועל איך גיין, וואו וועל איך שטיין, וואס וועל איך לערנען. מאכן פאר זיך א פלאן אויפן טאג, וואס ער גייט אדורכגיין.** עס וועט זיכער אסאך צוהעלפן, אז ער זאל קענען אדורכגיין דעם טאג ווי עס דארף צו זיין.

**ביינאכט ווען מען ליינט קריאת שמע, זאל אויך דער קריאת שמע של ערבית זיין מיט א סידור, מיט כוונה. און נאכדעם נעמען איין מינוט, און איבערטראכטן ווי אזוי איז מיין טאג אדורך? האב איך אויסגעפילט אלעס וואס איך האב צופרי געוואלט? וואו בין איך אדורכגעפאלן, וואס איז געווען מיין פראבלעם, און וואס גיי איך מיך פארנעמען אויף מארגן, אז איך גיי טון אנדערש.**

**דאס** וועט צוגעבן א גרויסן כח, אז מען זאל קענען עומד זיין אין די נסיונות. ווען א מענטש לעבט מיט א חשבון, ער טראכט אנהייב פונעם טאג, וואס דארף זיין מיין סדר היום אויף היינט. און ווען ער ענדיגט דעם טאג, מאכט ער א שטיקל חשבון, וואס האב איך היינט אויפגעטון, וואס בין איך אדורכגעגאנגען, וואו בין איך אדורכגעפאלן, און וואס קען איך טון פארן מארגענדיגן טאג, זיך צו פירן ווי עס דארף צו זיין. ווערט דער אייבערשטער געבן אי"ה, אז מען ווערט שטייגן אין תורה און יראת שמים.

**איך** לאדען איין אלע בחורים זאלן האבן א חלק אינעם ספר תורה וואס מען שרייבט, יעדער איינער זאל נעמען אויף זיך לויט וויפיל ער קען, ווי מען האט פריער אראפגעלייגט. דער זכות פון די תורה זאל ביישטיין פאר אונז, אורך ימים בימינה ובשמאלה עושר וכבוד, עץ חיים הוא למחזיקים בה, ותומכיה מאושר. עס קומט אזא גרויסער יום טוב, זאלן מיר זוכה זיין צו קענען טון די עבודה פונעם קרבן פסח אינעם בית המקדש, ונאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.